# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"ה – אמור תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'

### תתתתעד) עס דערציילט אונזער זיידע
## כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

איך בין אמאל געווען ביים טאטן ז"ל אין שטוב ווען ער האט אויסגע'מוסר'ט א יונגערמאן וועלכער האט געהאט שלום בית פראבלעמען צוליב דעם וואס ער האט געהאט פארשידענע טענות איבער דאס עסן וואס מ'גרייט אים צו איז נישט גוט וכדומה.

בתוך הדברים האט אים דער טאטע געזאגט "איך האב געגעסן פיר יאר קעסט ביי מיין שווער אין שטוב, יעדן טאג האב איך דארט געגעסן, און מיין שווערס רביצין בזו"ש האט נישט געהאט די מינדעסטע השגה וואס איך האב ליב, וואס מ'האט געגעבן צום טיש דאס האב איך געגעסן, איך האב געוואוסט אז מ'לייגט עס אויפן טיש איז א סימן אז ס'איז צום עסן, נו, פארוואס דארף א יונגערמאן מאכן אן עסק וועגן עסן?!" (במסיבת לחיים בביהמ"ד הגדול בשב"ק כ"ו ניסן ביומא דהילולא קדישא) (חנני' יו"ט ליפא אשכנזי, מאיר אליעזר מייזליש)

### תתתתעה) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן הי"ו משב"ק

ווען דער רבי מרן הברך משה זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תשנ"ד לפ"ק, איז ער געווען איין וואך אין בני ברק.

דעם ערשטן טאג ווען דער רבי איז געגאנגען צופרי פארן לערנען אין די מקוה, האט ער געבארגט פון עמיצן צוואנציג דאללער, און דאס געגעבן פארן מקוה-איד צו באצאלן פאר די מקוה.

דער מקוה-איד האט אויפגעציטערט "חס ושלום, דער רבי דארף נישט באצאלן קיין מקוה געלט".

אבער דער רבי האט זיך געהאלטן ביי זיינס "איך וויל אז דו זאלסט דאס יא נעמען", און ווען דער מקוה איד האט נישט געוואלט האט דער רבי אראפגעלייגט דאס געלט אין געגאנגען אין די מקוה.

שפעטער אויפן וועג אהיים האט דער רבי געזאגט "וועגן צוויי טעמים האב איך מיך גע'עקשנ'ט אז דער מקוה איד זאל נעמען דאס געלט, קודם ווייל דער טאטע ז"ל ברענגט צו פון זוהר הקדוש (דער רבי ז"ל פלעגט אלס אזוי זאגן ווען ער האט דערמאנט א זוה"ק וכדומה וואס ווערט געברענגט בספרי אבוה"ק האט ער דאס נאכגעזאגט בשמם) אז א מצוה וואס מ'צאלט דערפאר געלט האט א קדושה (עי' עצ"ח פר' תרומה) ממילא פארוואס זאל מען נישט באצאלן פאר אזא דבר גדול ווי א מקוה".

"צווייטנס, עס איז דא א גרויסער עולם געסט וואס גייען דא אין מקוה, אז זיי וועלן זעהן אז איך צאל וועלן זיי אויך צאלן"... (שמעון הכהן פריעדמאן, יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן)

### תתתתעו) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער
## הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א

ווען דער רבי מרן הברך משה זי"ע האט באזוכט אין ארץ ישראל בשנת תשכ"ג לפ"ק האט מיין פאטער הרה"ח ר' ישראל מאיר ע"ה געפרעגט א שאלה וואס האט אים נוגע געווען, אז זיין זון אחי הרה"ג ר' משה יודא האט געדארפט אלט ווערן דריי יאר קומענדיגן חודש טבת, צי ער זאל אים מאכן פיאות ביי די דריי יאר, צי ער זאלווארטן און הערשט מאכן פיאות ל"ג בעומר אין מירון.

דער רבי האט אים געענטפערט אז ביי די דריי יאר זאל ער אנטון פארן קינד א קאפל מיט ציצית און אים טראגן אין חדר אריין צום זאגן די א' ב' און לעקן האניג, אבער מאכן פיאות זאל ער ל"ג בעומר אין מירון.

עס איז אזוי אריבער געגאנגען גענוג צוואנציג יאר, בשנת תשמ"ג האב איך געדארפט מאכן פיאות פאר מיין אינגל וואס איז אלט געווארן דריי יאר עטליכע טעג פאר ל"ג בעומר, וכנהוג בין איך אריינגעגאנגען פרעגן דעם רבי'ן ווען צו מאכן פיאות.

געווענליך האט דער רבי יעדן געהייסן מאכן פיאות ל"ג בעומר, אבער מיך האט דער רבי געזאגט "מאכן פיאות זאלסטו ל"ג בעומר, אבער טראגן אין חדר, אנטון א קאפל און ציצית, זאלסטו אינעם טאג וואס ער ווערט אלט דריי יאר".

כמובן האב איך געטון ווי דער רבי האט געהייסן, אבער קומענדיג אין חדר צום מלמד דרדקי רבי עקיבא'לע גאנז שליט"א האט זיך ר' עקיבא געוואונדערט, שוין אזויפיל יארן וואס ער איז אין מלמדות, ער האט שוין אסאך אידישע קינדער אריינגעברענגט לתלמוד תורה, און ער געדענקט נישט אז א קינד מיט האר אויפן קאפ זאל קומען לעקן האניג. אבער אז דער רבי האט אזוי געזאגט האט מען געטון ווי אזוי דער רבי האט געזאגט.

מיט עטליכע יאר שפעטער האט זיך ווידער אמאל געמאכט אז איך האב געהאט א אינגל וואס איז אלט געווארן דריי יאר אין די ימי הספירה, האב איך מחליט געווען אז איך גיי בלויז אריין נעמען א ברכה פונעם רבי'ן און איך וועל נישט פרעגן ווען צו מאכן פיאות געדענקנדיג אז דער רבי האט מיך געהייסן זיין אן אויסנאם ביים פריערדיגן קינד.

איך קום אריין צום רבי'ן און איך לייג אראפ דאס קוויטל, דער רבי צושמייכלט זיך "אה, דו מאכסט פיאות פאר א קינד, נו, ווייסט דאך אוודאי מאכן פיאות ל"ג בעומר, אבער א קאפל מיט ציצית און גיין אין חדר זאלסטו אין טאג וואס ער ווערט דריי יאר".

דא האב איך שוין געזעהן אז עס איז דברים בגו, אז דער רבי האט געזאגט די זעלבע ווערטער ווי עטליכע יאר צוריק כאטש איך האב נישט געפרעגט, האב איך דאס דערציילט פאר מיין מאמע שתחי', האט זי מיר געזאגט "דער רבי האלט זיך צו די זעלבע הוראה וואס ער האט שוין געגעבן פאר דיין טאטן מיט איבער 25 יאר צוריק אין קוממיות"... והיה לפלא. (משה יודא ניימאן)

### תתתתעז) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' ישראל מנחם עקשטיין הי"ו

עס איז געווען אמאל ווען איך האב געדארפט אריבער גיין צום רבי'ן מרן הברך משה זי"ע איבער א פריוואטן ענין, ווען איך בין אנגעקומען אין שטוב איז דער רבי געזעסן אויף א אסיפה מיט די חברי הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ק, און מען האט דן געווען איבער דעם שווערן מצב פון די מוסדות הק' וואס זענען דעמאלטס געווען זייער געענגט אין געלט.

שפעטער ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פון רבי'נס צימער, בין איך אריינגעגאנגען, און דער רבי האט זיך געדרייט איבערן צימער ארויף און אראפ, און מ'האט געקענט דערקענען אז דער מצב המוסדות טוט אים שטארק וויי, און ער איז זייער באזארגט דערויף.

פלוצלונג גייט דער רבי צו צום שאנק, און ער נעמט ארויס א פעקל געלט און ער הייסט אז איך זאל דאס אפציילן. איך האב דאס אפגעציילט און עס איז געווען פיר טויזנט דאללער.

זאגט מיר דער רבי "גיב איבער דאס געלט פאר די מוסדות ארגענטינא, און איך האף אז בזכות זה וועט דער אייבערשטער העלפן אז מ'וועט קענען אויסצאלן די חובות פון מוסדות יטב לב". (אלכסנדר יושע עקשטיין, קלמן אליעזר עקשטיין)

תתתתעה) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ג ר' ארי' לייביש וויינפעלד שליט"א

איך האב זוכה געווען צו זיין א תלמיד מובהק פונעם רבי'ן מרן הברך משה זי"ע אין די ישיבה עצי חיים סיגעט.

עס איז געווען ביי איינע פון די חתונות פונעם רבי'נס אייניקלעך האב איך געוואלט געבן מזל טוב פארן רבי'ן און באקומען ברכת קדשו פאר די חופה, בין איך אריבערגעגאנגען צום רבי'ן אהיים פאר די חופה, און איך בין ארויפגעגאנגען אין שטוב. האב איך דארט געזעהן ווי די שטוב איז פול מיט די בני המשפחה קינדער און אייניקלעך וואס זענען געשטאנען גרייט צו גיין צו די חתונה, מ'האט נאר געווארט אז איינער פון די זיידעס זאל אנקומען. ווי פארשטענדליך האט יעדער דארט געשמועסט צווישן זיך וכדו'.

דער רבי איז אבער געזעסן אויף זיין פלאץ, און ער איז געווען פארטיפט אין א גמרא מס' קידושין וואס מ'האט דעמאלטס געלערנט אין די ישיבה, און עס האט אויסגעזעהן ווי כאילו ער געפונט זיך אין א אנדערע וועלט, זייענדיג אזוי פארטיפט אז ער האט בכלל נישט געשפירט אינעם טומל וואס טוט זיך ארום איהם, און עס האט בכלל נישט אויסגעזעהן אז מ'דארף דא גיין יעדע מינוט צו א חופה פון א אייניקל. (יעקב יודא שווארץ)

תתתתעט) עס דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אהרן בלייך הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' משה לייב ע"ה איז געווען דער געטרייער משב"ק ביי הרה"ק **רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע** (די יארצייט איז היינטיגן שב"ק ג' אייר) עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' שמואל צבי באש ז"ל פון מישקאלץ, אז איינמאל האט זיך געוואנדן צו איהם איינער פון זיינע באקאנטע און אים געבעטן א טובה היות מ'האט אויף אים געמאכט א פאלשן בלבול און עס ווארט אים מארגן אפ א שווערער משפט, וויל ער גיין נעמען א ברכה פונעם רבי'ן, נאר אזוי ווי ער קען זיך נישט אויס דעם הלך ילך אין א רבי'שן הויף האט ער אים געבעטן אז ער זאל מיטקומען מיט אים, כדי ער זאל אים דארט ארויסהעלפן.

ווען זיי זענען אריינגעגאנגען צום רבי'ן, האט רבי שמואל צבי אראפגעלייגט פארן רבי'ן די גאנצע מעשה, און דער שווערער משפט וואס ווארט אפ דעם איד.

פרעגט אים דער רבי "דו ווייסט ווי אזוי מ'מאכט לעקטער?", האט ער געזאגט אז ניין.

זאגט אים דער רבי "איך וועל דיר אויסלערנען, אז מ'האט צוויי דראטן וואס מ'שטעלט צוזאמען אינאיינעם דאס מאכט א כח פון עלעקטער, און ווען מ'צוטיילט עס ווערט טונקל". און דאן האט דער רבי אנגעוואונטשן "השי"ת וועט העלפן, עס קען אים טונקל ווערן".

ר' שמואל צבי האט נישט פארשטאנען דעם מיין פון די ווערטער, אבער ווי א ערליכער חסיד האט ער גארנישט געפרעגט, און ער איז אהיימגעפארן מיט דעם איד קיין מישקאלץ וואו דער משפט האט געדארפט פארקומען.

ווען זיי זענען אנגעקומען קיין מישקאלץ איז שוין געווען נאך צוועלף אזייגער ביינאכט.

גייענדיג ארויס פון די באן סטאנציע שטעלט זיי אפ א גוי וואס פרעגט זיי צי זיי קענען פאררעכטן לעקטער? און ער דערציילט זיי אז ער האט א גרויסן פראבלעם ווייל ער האט גערופן א פארטי פאר אלע שרים און פריצים פון די שטאט, און אינמיטן די סעודה איז די לעקטער קאליע געווארן, און מ'איז געבליבן אין די טונקל, און ער קען נישט טרעפן אזוי שפעט ביינאכט א מומחה וואס זאל אים קומען פאררעכטן די לעקטער.

ר' שמואל צבי האט זיך אנגעטראגן אלס איינער וואס פארשטייט צו די מלאכה, און ער איז מיטגעגאנגען מיט דעם גוי אהיים, און נאך א קורצע צייט האט ער פארראכטן די לעקטער.

הערשט דאן האט זיך דער גוי פארגעשטעלט פאר אים אלס דער הויפט שופט אינעם ארטיגן געריכט הויז, און ער האט אים געזאגט "זאג מיר וואס איך קען דיר העלפן, איך וועל זיך אנשטרענגען צו טון פאר דיר אלעס וואס איך קען אלס הכרת הטוב פאר דיין הילף פאר מיר".

האט אים ר' שמואל צבי געענטפערט "איך דארף נישט פון דיר קיין געלט, נאר איין בקשה האב איך, מארגן וועט איינער פון מיינע נאנטע פריינד האבן א משפט, און איך ווייס אז ער איז א ערליכער מענטש, און ער האט קיינמאל נישט געטון די עולה וואס מ'זאגט אויף אים, בעט איך פונעם שופט אז ער זאל גוט דורכטון זיין פראצעס, און דאן וועט זיך ארויסשטעלן דער אמת אז אלעס איז א שקר און א בלבול".

האט אים דער שופט געענטפערט "יעצט האב איך נישט קיין צייט צו הערן אלע פרטים, מארגן אכט אזייגער אינדערפרי זאלסטו זיין ביי מיר אין שטוב און איך וועל הערן פון דיר אלע פרטים פון די מעשה, און אלעס וועט זיין מסודר".

מארגן אינדערפרי איז ר' שמואל צבי געווען ביים שופט אין שטוב, און דער שופט האט ארויסגענומען זיין פייל און ער האט אויסגעהערט פון איהם אלע פרטים פונעם משפט. און ווי פארשטענדליך בשעת'ן משפט האט דער שופט געוואוסט אויפצעווייזן זיין אומשולד, און ער איז ארויס פריי. דעמאלטס האבן ביידע פארשטאנען וואס דער רבי האט נעכטן געזאגט "השי"ת וועט העלפן, עס וועט אים טונקל ווערן". (הערשל בלייך)

תתתתפ) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' משה יחזקאל לייכטמאן ע"ה

עס האט דערציילט ש"ב הרה"ח ר' דוד רייז ע"ה אז ער האט אלס בחור געוואלט פארן קיין קערעסטיר צו הרה"ק **רבי ישעי'לע זי"ע** (יארצייט שב"ק ג' אייר הבעל"ט) אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט צו דינגען קיין פערד און וואגן, האט ער געמוזט מאכן דעם לאנגן וועג קיין קערעסטיר צופיס.

ווען ער איז אנגעקומען קיין קערעסטיר איז ער געווען שטארק אפגעמוטשעט פונעם לאנגן וועג, האט ער געטראכט אז ער וועט אריינקלאפן אינעם ערשטן הויז וואס ער באגעגענט און ער וועט פרעגן צי ער קען דארט איינשטיין.

וכך הוה, ער זעהט איין הויז ווי עס איז ליכטיג קלאפט ער אריין, און צו זיין שטוינונג זעהט ער ווי רבי ישעי' זי"ע אליין שטייט ביי די טיר מיט א הייסע גלעזל טיי אין די האנט און א שטיקל מזונות, און ער רופט אים אריין און ער דערלאנגט אים צו עסן.

האט ער געזעהן אז רבי ישעי'לע האט שוין מרגיש געווען ברוח קדשו אז ער גייט דא אריינפאלן און ער האט אים פון פאראויס אנגעגרייט דעם כיבוד. (שמעון הערש שווארץ, דוד אלי' לעבאוויטש, אלעזר גליק)

תתתתפא) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' משה מנחם מענדלאוויטש הי"ו

דאס לעצטע יאר פאר די פטירה איז אונזער עלטער זיידע **הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע** געפארן נאך פסח קיין צאנז צו די הילולא קדישא פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע, כ"ה ניסן תרפ"ה, און זייענדיג דארט אין צאנז זענען אים נאכגעלאפן מאסן גאליציאנער אידן, הונדערטער חסידים ואנשי מעשה האבן באלאגערט די אכסניא וואו ער איז איינגעשטאנען, און יעדער האט נאר געוואלט האבן די זכי' צו קענען אריינגיין בקודש פנימה און זיך מזכיר זיין מיט א קוויטל.

אויפן וועג אהיים האט זיך רבי ישעי'לע אנגערופן "איך האב באקומען א עין הרע, איך גיי מיך געזעגענען פון די וועלט".

ער האט דארט באקומען א אנטצינדונג אין די פיס, און די דאקטורים האבן געזאגט אז זיי קענען אים נאר ראטעווען אויב זיי נעמען ח"ו אראפ דעם פיס, האט רבי ישעי'לע נישט מסכים געווען דערצו זאגנדיג "איך וויל צוריק גיין אזוי ווי איך בין געקומען".

פאר זיין פטירה האט ער געבענטשט אלע אייניקלעך און אלע אידן וואס זענען דארט געווען, און ער האט געזאגט אז זיין הויז בלייבט א מקום פאר ישועות ווייטער אויך. און ער איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים. (ישעי'לע באנדא, ישעי'לע ראזענבערג)

תתתתפב) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' שלום האלפערט הי"ו

עס איז געווען בערך שנת תשכ"ה אדער תשכ"ו ווען איך בין געווען פרייטאג צונאכטס ביים שולחן הטהור פון כ"ק מרן רביה"ק **בעל דברי יואל זי"ע**, איז געשטאנען נעבן מיר א אינגערמאן וואס האט געוואלט באקומען שיריים פונעם רבי'ן אבער עס האט אויסגעזעהן ווי דער רבי וויל אים דוקא נישט געבן קיין שיריים, ווען ער האט נאר אויסגעשטרעקט די האנט צו נעמען שיריים האט זיך דער רבי אויסגעדרייט אויף די אנדערע זייט און אנגעהויבן צו טיילן דארט שיריים, און דער אינגערמאן האט נישט באקומען.

אינמיטן כאפט זיך דער אינגערמאן און ער זאגט "מסתמא זעהט דער רבי אז איך האב זיך די וואך נישט אויפגעפירט ווי עס פאסט", און ער האט זיך מתבונן געווען מיט א חשבון הנפש אויף זיינע מעשים און ער האט מהרהר בתשובה געווען. האב איך איהם געזאגט "נו, שטרעק יעצט אויס די האנט". יענע רגע האט אים דער רבי תיכף געגעבן שיריים. (דוד יודא פעלדמאן, יואל משה האלפערט, חיים בערקאוויטש, יואל עקשטיין, משה פעלדמאן, דוד יודא האלפערט)